


# La Bibliothèque Medem

*75 ans au service de la culture yiddish*

# די מעדעם־ביבליאָטעק

## 75 יאָר צו דינסט דער יִדישער קולטור





# Fondation

1 I 2 I 3 I

1. Les fondateurs de la Bibliothèque,
le 16 février 1929 : Kiwa Vaisbrot, Yitskhok Blumenstein, Meir Mendelson, Haïm Golub, Leyb Tabacznik, Av. Zusman, Eli Sviranski et Dovid Leber.

2. Couverture du premier livre d'inventaire (1928).

3. Première page du livre d'inventaire de la Bibliothèque (1928). Le premier livre catalogué est *Shvarts-royt* de Dovid Eynhorn (Varsovie, 1921).

Les tampons qui parcourent ces pages perpétuent dans les livres de la Bibliothèque Medem la trace de nombreuses bibliothèques juives.

*En 1922, des immigrés de diverses obédiences – communistes, socialistes du Bund, Poalei-tsion de gauche – créent la Kultur-lige (ligue culturelle), au sein de laquelle ils ouvrent une bibliothèque. En 1925, les communistes prennent le contrôle de la Kultur-lige. Les bundistes créent alors leur organisation propre : le Arbeter-klub oyfn nomen Vladimir Medem (Club des travailleurs Vladimir Medem), aussi appelé Medem-farband (Union Medem), du nom de l'idéologue du Bund.*

*En février 1929, huit jeunes immigrés d'Europe orientale, adhérents du Medem-farband créent une nouvelle bibliothèque : la Nomberg-bibliotek baym Medem-farband (Bibliothèque Nomberg au sein de l'Union Medem), du nom de l'écrivain yiddish Hersh-Dovid Nomberg (1876-1927). Elle est tout d'abord installée au 50, rue des Francs-Bourgeois dans le 3e arrondissement de Paris.*

*Pour recueillir les fonds nécessaires à sa création, une soirée avait été organisée fin 1928, à laquelle avaient participé les écrivains Dovid Eynhorn, Sholem Ash, Zalmen Shneur et Perets Hirshbeyn.*

*En 1932, le mouvement, qui a créé peu avant l'Arbeter-ring, société de secours mutuel, s'installe au 110, rue Vieille-du-Temple, toujours dans le 3e arrondissement.*

*En 1939, Paris compte six bibliothèques yiddish.*








# גרינדונג

1|2|3|

1922 : ייִדישע אימיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען – קאָמוניסטן, בונדיסטן, לינקע פּועלי־ציון – גרינדן די קולטור־ליגע. אין אירע ראַמען ווערט דערעפֿנט אַ ביבליאָטעק. אין 1925 נעמען די קאָמוניסטן איבער דעם קאָנטראָל איבער דער קולטור־ליגע. די בונדיסטן שאַפֿן דעמאָלט זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע : דעם אַרבעטער־קלוב א״נ וולאַדימיר מעדעם, באַקאַנט אויך ווי מעדעם־פֿאַרבאַנד.

פֿעברואַר 1929 : אַכט יונגע מיטגלידער פֿון מעדעם־פֿאַרבאַנד גרינדן אַ נײַע ביבליאָטעק : די נאָמבערג־ביבליאָטעק בײַם מעדעם־פֿאַרבאַנד, אויפֿן נאָמען פֿונעם שרײַבער הערש־דוד נאָמבערג (1927-1876). איר ערשטער לאָקאַל געפֿינט זיך אויף 50 רי דע פֿראַן־בורזשואַ, אינעם דריטן פּאַריזער שטאָטקרײַז.

מיטן ציל צו זאַמלען מיטלען פֿאַר דער נײַער ביבליאָטעק ווערט סוף 1928 דורכגעפֿירט אַן אָוונט מיטן אָנטייל פֿון די שרײַבער דוד איינהאָרן, שלום אַש, זלמן שניאור און פּרץ הירשביין.

1932 : די בונדישע באַוועגונג, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק געגרינדט דעם אַרבעטער־רינג, גייט אַריבער אינעם הויז אויף 110 רי ווייי די טאַמפּל, אינעם דריטן שטאָטקרײַז.

אין 1939 זײַנען אין פּאַריז פֿאַראַן זעקס ייִדיש־ביבליאָטעקן.

1. די גרינדערס פֿון דער ביבליאָטעק דעם 16טן פֿעברואַר 1929 : קיווע ווײַסבראָט, יצחק בלומענשטיין, מאיר מענדעלסאָן, חיים גאָלוב, לייב טאַבאַטשניק, אב. זוסמאַן, עלי שוויראַנסקי און דוד לעבער.

2. הילע פֿון ערשטן אינווענטאַר־בוך (1928).

3. ערשט זײַטל פֿונעם אינווענטאַר־בוך פֿון דער ביבליאָטעק (1928). דאָס ערשטע קאַטאַלאָגירטע בוך איז „שוואַרץ־רויט" פֿון דוד איינהאָרן (וואַרשע, 1921).






**1 | 2 | 3 | 4 |**

1. Les dirigeants de la Bibliothèque Medem en 1946. De gauche à droite : Clara Honigman, Yitskhok Blumenstein, Sonia Terkltaub (plus tard Braun), Moyshe Zajac, Kiwa Vaisbrot, Leyke Lebensztejn, Bronek Ezerowicz.

2. Tampon de la bibliothèque du camp d'internement français de Beaune-la-Rolande.

3. Leyb Tabacznik, co-fondateur de la Bibliothèque, a été déporté par le 4e convoi parti de Pithiviers le 25 juin 1942. Mémorial de la déportation des Juifs de France (éd. B. et S. Klarsfeld, Paris, 1978).

4. Tract pour promouvoir la Bibliothèque Medem et ses collections (fin des années 1940). À l'époque, la Bibliothèque était ouverte le lundi et le jeudi de 20 h 00 à 22 h 00 et le samedi de 17 h 00 à 19 h 00.

*Après l'occupation de Paris en juin 1940, et la promulgation par le régime de Vichy du Statut des Juifs en octobre 1940, l'urgence est moins à la lecture qu'à la dispense de secours. Une cantine offre, dans les locaux du Bund, des repas gratuits. Après la rafle des 16 et 17 juillet 1942, de nombreux Juifs immigrés quittent Paris.*

*À l'automne 1942, la Gestapo visite les locaux de la rue Vieille-du-Temple. Dans la salle de la Bibliothèque, sont entreposées des boîtes de conserve qui bloquent l'accès des armoires. Les Allemands promettent de revenir un jour prochain pour terminer la perquisition. Dans l'urgence, Nathan Shachnovsky, un des seuls militants restés à Paris, et son épouse, descendent les livres au deuxième sous-sol avec l'aide du concierge de l'immeuble. Les 3 000 livres ont ainsi échappé à la confiscation.*

*La Bibliothèque rouvre le samedi 14 octobre 1944. Deux des fondateurs, Leyb Tabacznik et Eli Sviranski, ont été assassinés en déportation.*

*Le Medem-farband n'existe plus. Subsiste l'Arbeter-ring (connu en français sous le nom de Cercle amical de secours mutuel), dont les activités idéologiques se doublent plus que jamais d'une fonction de secours mutuel. Les plus fervents bundistes souhaitent maintenir le nom de Vladimir Medem : la Bibliothèque prend alors le nom de Medem-bibliotek baym Arbeter-ring (Bibliothèque Medem auprès du Cercle amical).*








1 | 2 | 3 | 4 |

1. די טורס פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק אין 1946 : פֿון לינקס צו רעכטס – קלאַראַ האָניגמאַן, יצחק בלומענשטיין, סאָניע טערקלטאַוב (שפּעטער בראַון), משה זייאַנץ, קיווע ווײַסבראָט, לייקע לעבענשטיין, בראָנעק עזעראָוויטש.

2. שטעמפּל פֿון דער ביבליאָטעק פֿון פֿראַנצייזישן אינטערנאַציע־לאַגער באָן־לאַ־ראָלאַנד.

3. לייב טאַבאַטשניק, מיטגרינדער פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, איז דעפּאָרטירט געוואָרן מיטן 4טן צוג פֿון פּיטיוויע־לאַגער דעם 25סטן יוני 1942.

4. פֿליבלעטל באַקאַנט צו מאַכן די טעטיקייט פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק (לעצטע פֿערציקער יאָרן). די ביבליאָטעק פֿלעגט דעמאָלט עפֿענען מאָנטיק און דאָנערשטיק פֿון 20 ביז 22 אַז׳, און שבת פֿון 17 ביז 19 אַז׳.

נאָך דער אָקופּאַציע פֿון פּאַריז דורך די דײַטשן אין יוני 1940 און נאָכן אַרויסגעבן דעם ייִדן־סטאַטוט דורך דער ווישי־רעגירונג אין אָקטאָבער 1940, איז דער פֿאַרמעסט פֿון דער שעה – אָרגאַניזירן די קעגנזײַטיקע הילף. אינעם בונדישן לאָקאַל ווערט אײַנגעאָרדנט אַן אומזיסטע פֿאָלקסקיך. אַ סך ייִדישע אימיגראַנטן אַנטלויפֿן פֿון פּאַריז נאָך דער אָבלאַווע פֿון 16טן און 17טן יולי 1942.

האַרבסט 1942 : די געסטאַפּאָ באַזוכט דעם לאָקאַל אויף רי ווייי די טאַמפּל. אין ביבליאָטעק־צימער זײַנען אָנגעשטעלט בלעכן קאָנסערוון וואָס פֿאַרשטעלן די ביכערשענק. די דײַטשן מעלדן אַז זיי וועלן בקרובֿ צוריק־קומען צו פֿאַרענדיקן די אונטערזוכונג. נאַטאַן שאַכנאָווסקי, איינער פֿון די ווייניקע אין פּאַריז פֿאַרבליבענע טוערס, נעמט און טראָגט אַראָפּ די ביכער אין קעלער פֿונעם הויז. עס העלפֿן אים זײַן ווײַב און דער סטרוזש פֿונעם בנין. אַזוי אַרום ראַטעווען זיך 3000 ביכער פֿון קאָנפֿיסקאַציע.

די ביבליאָטעק עפֿנט אויף ס׳נײַ אירע טירן שבת דעם 14טן אָקטאָבער 1944. צוויי פֿון די גרינדערס, לייב טאַבאַטשניק און עלי שוויראַנסקי, זײַנען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע.

דער מעדעם־פֿאַרבאַנד עקזיסטירט נישט מער. עס בלײַבט דער אַרבעטער־רינג, וואָס אַנטוויקלט, צוזאַמען מיט זײַן פּאָליטישער אַרבעט, אַ פֿאַרשטאַרקטע הילף־טעטיקייט. כּדי אָנצוהאַלטן דעם נאָמען וולאַדימיר מעדעם, ווי ס׳איז דער ווונטש פֿון די איבערגעבליבענע בונדישע טוערס, קריגט די ביבליאָטעק דעם נאָמען מעדעם־ביבליאָטעק בײַם אַרבעטער־רינג.




# Histoire

1 I 2 I 3 I

*Durant les années qui suivent la fin de la guerre, de nombreux survivants d'Europe orientale gagnent la France. Certains s'y installent. Pour d'autres, il s'agit d'une étape avant de gagner les Amériques ou Israël naissant. L'activité en yiddish est alors intense. Le nombre de lecteurs augmente. Durant l'été 1965, la Bibliothèque est déménagée dans les locaux acquis par les organisations bundistes au 52, rue René-Boulanger dans le 10e arrondissement.*

*Les années 1970 marquent une transition. Au fil des ans, du fait de l'assimilation linguistique et de la faiblesse de l'éducation juive en France, le lectorat ne se renouvelle pas. La Bibliothèque développe le fonds en français, alors que son fonds yiddish attire, en plus du public traditionnel en diminution, davantage d'étudiants et de chercheurs.*

*Depuis la fin des années 1970, on constate un regain d'intérêt pour la langue et la culture yiddish de la part d'un public dont ce n'est pas la langue maternelle. L'enseignement du yiddish se développe.*

*En 1979, les dirigeants de la Bibliothèque décident de créer une association de loi de 1901, l'Association Bibliothèque Medem, afin que la Bibliothèque puisse poursuivre sa mission culturelle de manière autonome par rapport au Cercle amical, plutôt impliqué dans les questions politiques. Cette même année, la Bibliothèque améliore le catalogage des livres, avec la création d'une cartothèque proposant un double classement, alphabétique et thématique.*

1. Tract annonçant les célébrations du vingt-cinquième anniversaire de la Bibliothèque Medem (mai 1954).

2. Courrier de Kiwa Vaisbrot concernant une commande de livres à l'éditeur CYCO de New York (12 juillet 1973).

3. Kiwa Vaisbrot, co-fondateur, fut président, puis président d'honneur de la Bibliothèque Medem de 1928 à 2002. Depuis son décès, en janvier 2003, la salle de lecture porte son nom.








# געשיכטע

1 | 2 | 3 |

אין די יאָרן באַלד נאָך דער באַפֿרײַונג קומען אָן אין פֿראַנקרײַך אַ היפּשע צאָל לעבן געבליבענע פֿון מיזרח־אייראָפּע. ווער עס באַזעצט זיך דאָ און ווער עס בלײַבט נאָר אַ געוויסע צײַט און פֿאָרט ווײַטער קיין אַמעריקע אָדער אין דער ערשט אויפֿגעקומענער מדינת־ישׂראל. דאָס קולטור־לעבן אויף ייִדיש איז דעמאָלט זייער אַקטיוו. די צאָל לייענערס וואַקסט. זומער 1965 ציט זיך די ביבליאָטעק אַריבער אינעם לאָקאַל וואָס די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געקויפֿט אויף 52 רע רענע בולאַנזשע, אין צענטן שטאָטקרײַז.

די זיבעציקער יאָרן זײַנען אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. די שפּראַך־אַסימילאַציע און די קנאַפּקייט פֿון דער ייִדישער דערציִונג אין פֿראַנקרײַך ברענגען דערצו, אַז דער לייענער־עולם באַנײַט זיך נישט. די ביבליאָטעק פֿאַרגרעסערט איר זאַמלונג ביכער אויף פֿראַנצייזיש. די אַמאָליקע ייִדיש־לייענערשאַפֿט ווערט קלענער אין צאָל, אָבער עס קומען צו לייענערס פֿון אַ נײַעם טיפּ : סטודענטן און פֿאָרשערס.

די דאָזיקע דערשײַנונג ווערט נאָך בולטער מיטן באַנײַטן אינטערעס פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, וואָס מערקט זיך בײַ ברייטע קרײַזן זינט סוף זיבעציקער יאָרן, און מיט דער אַנטוויקלונג פֿון די ייִדיש־לימודים.

אין 1979 באַשליסן די ביבליאָטעק־טוערס זי צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע (פֿון די אַ"ג „פֿאַראיינען לויטן געזעץ פֿון 1901"), וואָס זאָל טאָן איר קולטור־שליחות אויטאָנאָם פֿונעם אַרבעטער־רינג, וועלכער פֿאַרנעמט זיך מער מיט פּאָליטישער אַרבעט. אינעם זעלבן יאָר ווערט פֿאַרבעסערט דער ביב־ליאָטעק־קאַטאַלאָג : אויפֿן אָרט פֿון די פֿאַרעלטערטע קאַטאַלאָג־העפֿטן ווערט אײַנגעפֿירט אַ קאַרטאָטעקע מיט אַ טאָפּעלן שליסל, לויט מחברים און לויט טעמעס.

1. פֿליבלעטל וועגן די פֿײַערונגען צו די 25 יאָר מעדעם־ביבליאָטעק (מײַ 1954).

2. בריוו פֿון קיווע ווײַסבראָט וועגן אַ ביכער־באַשטעלונג בײַם ניו־יאָרקער ציקאָ־פֿאַרלאַג (12טער יולי 1973).

3. קיווע ווײַסבראָט, מיטגרינדער, לאַנגיאָריקער פֿאָרזיצער און לסוף כּבֿוד־פֿאָרזיצער פֿון דער ביב־ליאָטעק פֿון 1928 ביז 2002. זינט קיווע ווײַסבראָטס פּטירה אין יאַנואַר 2003 טראָגט דער לייענזאַל זײַן נאָמען.








# Donations importantes

1 I 2 I

*L'enrichissement des collections s'est de tout temps effectué, en sus de l'achat de livres, par l'intégration de documents offerts par des particuliers ou des institutions.*

*Dès sa création, la Bibliothèque a bénéficié de dons importants : l'écrivain Sholem Ash offre deux cents livres ; Borekh Vladek, journaliste et activiste bundiste, envoie cent soixante livres de New York.*

*Au début des années 1930, le syndicat des casquettiers cède sa bibliothèque de huit cents volumes. À la Libération, le Yidisher arbeter-komitet américain expédie 2 000 livres.*

*En 1993, l'Union des Juifs pour la résistance et l'entraide (UJRE), la grande organisation juive communiste de l'après-guerre, cède la majeure partie de son fonds yiddish, soit 6 000 volumes. La même année, 3 000 volumes de la bibliothèque privée Kouliche sont également intégrés. En 1997, la Bibliothèque accueille le fonds yiddish de la Fédération des sociétés juives de France (6 000 ouvrages) et du Foyer ouvrier juif (2 000 ouvrages), puis le fonds Fraenkel, provenant de la librairie-bibliothèque que Betsalel Fraenkel avait tenue au début du siècle à Jaffa (Palestine) et Alexandrie (Egypte). En 1999, les archives des journaux yiddish de Paris, Undzer vort et Undzer veg, sont venues enrichir le fonds, ainsi qu'une collection de partitions provenant de la Chorale populaire juive.*

1. *Robinzon*, adaptation en yiddish de Robinson Crusoe, Vilna, 1894. Fonds Fraenkel.

2. Accueil de la bibliothèque de l'UJRE au 14, rue de Paradis. (cliché : don de Maya Sigogneau)









# וויכטיקע ביכער־מתּנות

1 I 2 I

זינט איר גרינדונג האָט די ביבליאָטעק זיך כּסדר באַרייַכערט אי דורכן רעגולערן אייַנקויפֿן ביכער און פּעריאָדיק, אי דורך אַרייַננעמען ביכער און אַנדערע דאָקומענטן געשאָנקענע דורך יחידים אָדער אינסטיטוציעס.

שוין בייַם סאַמע אָנהייב זייַנען אַרייַנגעקומען וויכטיקע ביכער־מתּנות : דער שרייַבער שלום אַש האָט געשאָנקען צוויי הונדערט ביכער ; ברוך וולאַדעק, דער בונדישער מנהיג און שרייַבער, האָט פֿון ניו־יאָרק צוגעשיקט נאָך הונדערט און זעכציק.

אָנהייב דרייַסיקער יאָרן האָט דער היטלמאַכער־פֿאַראיין אַרייַנגעגעבן זייַן אַכט הונדערט־בענדיקע ביבליאָטעק. נאָך דער באַפֿרייַונג האָט דער אַמעריקאַנער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט עקספּעדירט 2000 ביכער.

אין 1993 האָט די גרויסע נאָך־מלחמהדיקע ייִדיש־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, באַקאַנט מיט אירע פֿראַנצייזישע ראָשי־תּיבֿות „או. זשי. ער. ע.”, אָפּגעטראָטן דער מעדעם־ביבליאָטעק דעם גרעסטן חלק פֿון אירע ביכער : אַרום 6000 בענד. אינעם זעלבן יאָר זייַנען אויך אייַנגעגלידערט געוואָרן אַ 3000 ביכער פֿון דער פּריוואַטער קוליש־ביבליאָטעק. אין 1997 האָט די ביבליאָטעק אַרייַנגענומען די זאַמלונג אויף ייִדיש פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע געזעלשאַפֿטן אין פֿראַנקרייַך (6000 בענד) און פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־היים (2000 בענד), ווי אויך די פֿרענקעל־זאַמלונג, געשאָנקען דורך אַן אייניקל פֿון בצלאל פֿרענקעל, וועלכער האָט אָנהייב יאָרהונדערט געהאַלטן אַ בוכהאַנדלונג און ביבליאָטעק אין יפֿו (ארץ־ישׂראל) און אין אַלעקסאַנדריע (מצרים). אין 1999 זענען צוגעקומען די אַרכיוון פֿון די פּאַריזער ייִדישע צייַטונגען אונזער וואָרט און אונזער וועג, ווי אויך אַ קאָלעקציע מוזיק־פּאַרטיטורן פֿונעם פּאַריזער ייִדישן פֿאָלקסכאָר.

1. ראָבינזאָן, ייִדישע אַדאַפּטאַציע פֿון ראָבינזאָן קרוזאָ, ווילנע, 1894, פֿרענקעל־זאַמלונג.

2. אויפֿנעמטיש אין דער ביבליאָטעק פֿון „או. זשי. ער. ע.” אויף 14 רי דע פּאַראַדי. בילד געשאָנקען דורך מאַיאַ סיגאָניאָ־יאַגאָדזשינסקאַ.





# Legs d'archives

1 I 2 I 3 I

*La Bibliothèque conserve des archives d'écrivains yiddish ou de personnalités, offertes par leurs enfants :*

- *les journalistes et écrivains*
*Lili Berger (1916-1996),*
*Jacques Burstein-Finer (1908-1996),*
*Bentsyen Frydman (1893-1984),*
*Alter Kacyzne (1885-1941),*
*Shmuel Kerner (1907-1999),*
*Rivke Kope (1910-1995),*
*Mordkhe Litvine (1903-1993),*
*Menuha Ram (1916-2000),*
*Khayim Slovès (1905-1988),*
*Itshe Vagman (1890-1974),*
*Moyshe Waldman (1911-1996),*
*Elkhonen Vogler (1907-1969) ;*

- *les artistes*
*Moyshe Bahelfer-Bagel (1908-1995),*
*Mikhoel Milberger (1922-1997).*

1. Lettre manuscrite de l'écrivain Avrom Sutskever, 1964.

2. Le numéro 5 du *Parizer zhurnal* (Journal de Paris), mai 1936.


Le Journal de Paris

פּאַריזער זשורנאַל

פאר א יידישן קולטור־קאנגרעס




# אַרכיוון



די ביבליאָטעק היט אויף די אַרכיוון פֿון ייִדישע שרײַבער און אַנדערע פּערזענלעכקייטן, געשאָנקענע דורך זייערע קינדער :

– די זשורנאַליסטן און שרײַבער
יצחק בורשטין־פֿינער (1908-1996),
לילי בערגער (1916-1996),
אלחנן וואָגלער (1907-1969),
איטשע וואַגמאַן (1890-1974),
משה וואַלדמאַן (1911-1996),
מרדכי ליטווין (1903-1993),
חיים סלאָוועס (1905-1988),
בן־ציון פֿרידמאַן (1893-1984),
רבֿקה קאָפּע (1910-1995),
אַלתּר קאַציזנע (1885-1941),
שמואל קערנער (1907-1999),
מנוחה ראַם (1916-2000) ;

– די קינסטלער
משה באַהעלפֿער־באַגעל (1908-1995),
מיכאל מילבערגער (1922-1997).

1. בריוו פֿון אַבֿרהם סוצקעווער (28 סעפּטעמבער 1964)

2. נומ׳ 5 פֿון „פּאַריזער זשורנאַל”, מײַ 1936.








# À propos des collections

1 | 2 |

*La Bibliothèque Medem est la plus grande médiathèque dédiée à la culture yiddish en Europe.*

*Depuis sa création, le fonds de la Bibliothèque n'a cessé d'augmenter. De 500 volumes en 1929, il est passé à 3 000 en 1939, 10 000 en 1949, 18 000 en 1979. Il atteint aujourd'hui 30 000 volumes, soit 20 000 en yiddish et 10 000 en d'autres langues, français, hébreu, anglais, allemand, polonais. La Bibliothèque a développé dès sa création, à côté du fonds yiddish, une collection en langue française. Avant la Seconde Guerre mondiale, il s'agissait surtout de romans de grands auteurs français.*

*À l'heure actuelle, le catalogue en lettres latines est constitué d'ouvrages ayant trait au judaïsme en général et au judaïsme ashkénaze en particulier : littérature juive, histoire des communautés juives, sociologie, pensée juive. Le fonds audiovisuel compte 4 000 enregistrements de chansons yiddish, musique klezmer et chants liturgiques, 500 partitions et 150 recueils de musique et 150 vidéos.*

*Longtemps, l'engagement de la Bibliothèque dans le socialisme a orienté les choix des bibliothécaires, quoique cela ne fut jamais exclusif. Avec le renouvellement des lecteurs et l'intégration des fonds d'autres bibliothèques yiddish d'orientations diverses (sioniste, communiste, etc.), cette tendance s'est totalement estompée. L'institution a gardé de son histoire un engagement clair dans la laïcité, mais les collections reflètent toutes les orientations intellectuelles et tous les aspects de la vie juive.*

1. *Bay undz yidn* (Chez nous les Juifs), revue d'études philologiques, Varsovie, 1923.

2. Le poème *Mefisto*, de Uri-Tsvi Grinberg, portrait de l'auteur par Henryk Berlewi, Varsovie, 1922.







# וועגן די קאָלעקציעס

1 | 2 |

די מעדעם־ביבליאָטעק איז די גרעסטע מעדיאַטעק אין אייראָפּע אָפּגעגעבן דער ייִדיש־קולטור.

זינט דער גרינדונג האָט די צאָל ביכער געהאַלטן אין איין וואַקסן. פֿון 500 אין 1929 איז זי דערגאַנגען צו 3000 אין 1939, 10000 אין 1949, 18000 אין 1979 און 30000 בענד הײַנט צו טאָג, פֿון זיי – 20000 אויף ייִדיש און 10000 אויף אַנדערע שפּראַכן : פֿראַנצייזיש, העברעיִש, ענגליש, דײַטשיש, פּויליש.

פֿראַנצייזישע ביכער האָט די ביבליאָטעק געזאַמלט פֿון דער התחלה אָן. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען דאָס געווען בעיקר ראָמאַנען פֿון די גרויסע פֿראַנצייזישע פּראָזאַיִקער.

הײַנט צו טאָג געפֿינט מען צווישן די ביכער מיט לאַטײַנישע אותיות בעיקר ווערק וואָס באַציִען זיך צו ייִדן בכלל און צו אַשכּנזישע ייִדן בפֿרט : ייִדישע ליטעראַטור, געשיכטע פֿון ייִדישע ייִשובֿים, סאָציאָלאָגיע, ייִדישער געדאַנק. אין דער פֿאָנאָטעק ווערן פֿאַרהיט 4000 לידער אויף ייִדיש, שטיקלעך קלעזמער־מוזיק און חזנות, רעקאָרדירטע אויף דיסקן, אויף קאַסעטן און אויף קאָמפּאַקטלעך, ווי אויך 150 לידער־זאַמלונגען און 500 פּאַרטיטור־בויגנס. אין דער ווידעאָטעק געפֿינען זיך 150 ייִדישע פֿילמען, דאָקומענטאַרן וועגן דער אַשכּנזישער וועלט און טעאַטראַלישע צי מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען.

אין משך פֿון אַ לענגערער תּקופֿה האָט די אָנגעהעריקייט פֿון דער ביבליאָטעק צום סאָציאַליסטישן לאַגער געווירקט – כאָטש קיין מאָל נישט אויסשליסלעך – אויפֿן אָפּקלײַב פֿון די אַרײַנגענומענע ווערק. מיטן באַנײַען זיך פֿון דער לייענערשאַפֿט און מיטן אײַנגלידערן זאַמלונגען פֿון אַנדערע ייִדישע ביבליאָטעקן מיט אַנדערע אָריענטאַציעס (ציוניסטישע, קאָמוניסטישע אאַז״וו) איז די דאָזיקע טענדענץ פּאַקטיש פֿאַרווישט געוואָרן. פֿון איר אַמאָל האַלט די אינסטיטוציע ווײַטער אָן אַ בפֿירוש וועלטלעכן כאַראַקטער, אָבער די ביכער און אַנדערע אויסגאַבעס וואָס זי נעמט אַרײַן שפּיגלען אָפּ אַלע גײַסטיקע פּאָזיציעס און שטרעמונגען פֿון ייִדישן לעבן.

1. „בײַ אונדז ייִדן”, זאַמלבוך פֿאַר פֿאָלקלאָר און פֿילאָלאָגיע, וואַרשע, 1923.

2. פּאָעמע „מעפֿיסטאָ”, פֿון אורי־צבֿי גרינבערג, פּאָרטרעט פֿון מחבר דורך הענריק בערלעווי, וואַרשע, 1922.





# Les collections en yiddish

1 I 2 I

1. *Seyfer Mayse Hashem umayse nisim*, recueil de légendes en yiddish ancien, Amsterdam, 1723.

2. Recueil de chansons populaires yiddish tirées du répertoire de la chanteuse Zimre Zeligfeld, collectées par Menakhem Kipnis, Varsovie vers 1920.

*Parmi les ensembles remarquables, on peut citer une collection de 200 titres de* ***Livres du souvenir*** *(Yizker-bikher), publiés par les survivants des communautés détruites d'Europe orientale après la Seconde Guerre mondiale. La Bibliothèque Medem conserve également des exemples rares de livres de littérature yiddish ancienne, dans des éditions du XVIIIe siècle, tels qu'un livre de kines (prières de lamentations) en yiddish (Amsterdam, 1718), un Seyfer Lev tov (Amsterdam, 1723), un Seyfer Yosipon (Amsterdam, 1771) ou une série de livres de prières pour les fêtes avec traduction en yiddish (Amsterdam, 1768).*

*Citons aussi un ensemble important de livres d'écrivains yiddish publiés dans les années 1910 et 1920 et richement illustrés par des peintres juifs tels que Marc Chagall, Yoysef Tshaykov ou El Lissitzky.*

*Une des collections les plus originales est sans doute un ensemble de 150 livres de Shund-literatur, littérature populaire sentimentale, publiés sous forme de fascicules à la fin du XIXe et au début du XXe siècle dans l'Empire Russe et aux États-Unis.*

***Les collections en yiddish*** *se répartissent de la manière suivante :*

***Littérature yiddish***
*Romans et nouvelles   3 600*
*Poésie   1 800*
*Théâtre   500*
*Anthologies   200*
*Littérature pour enfants   400*
*Traductions en yiddish de la littérature mondiale   1 400*

***Histoire***
*Ouvrages généraux   500*
*Ouvrages relatifs au Génocide   700*
*Histoire des communautés juives   1 000*

***Périodiques***   *3 500*

***Divers***
*Ouvrages de référence   1 500*
*Philosophie   450*
*Religion   550*
*Sciences sociales   1 500*
*Sciences 300*
*Théâtre, arts plastiques   500*
*Histoire de la littérature, critique   1 100*







# זאַמלונגען אין ייִדיש

1 I 2 I

צווישן די באַזונדערש ווערטפֿולע זאַמלונגען קען מען דערמאָנען 200 יזכּור־ביכער אַרויסגעגעבענע נאָכן חורבן דורך די לעבן געבליבענע פֿון ייִדישע קהילות אין מיזרח־אייראָפּע. די מעדעם־ביבליאָטעק פֿאַרמאָגט אויכעט עטלעכע זעלטענע ייִדישע ביכער פֿון 18טן יאָרהונדערט, ווי צום בייַשפּיל אַ ספֿר קינות אויף ייִדיש (אַמסטערדאַם, 1718), ספֿר לבֿ־טובֿ (אַמסטערדאַם, 1723), ספֿר יוסיפון (אַמסטערדאַם, 1771) צי אַ ריי מחזורים מיט איבערזעצונג אויף ייִדיש (אַמסטערדאַם, 1768).

לאָמיר אויך דערמאָנען אַ גאַנצע זאַמלונג ביכער פֿון ייִדישע מחברים אַרויסגעגעבענע אין די צוואַנציקער יאָרן מיט פּרעכטיקע אילוסטראַציעס פֿון מאַרק שאַגאַל, יוסף טשייַקאָוו צי אל. ליסיצקי.

איין זאַמלונג אַ טשיקאַווע באַשטייט פֿון 150 ביכער פֿון שונד־ליטעראַטור, פּובליקירטע אין פֿאָרעם פֿון העפֿטן סוף פֿון 19טן–אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט אין דער רוסישער אימפּעריע און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

די ביכער אויף ייִדיש צעגלידערן זיך אויף די ווייַטערדיקע קאַטעגאָריעס :

| ייִדישע ליטעראַטור | | געשיכטע | | פֿאַרשיידנס | |
|---|---|---|---|---|---|
| ראָמאַנען און דערציילונגען | 3600 | אַלגעמיינע ווערק | 500 | אייַנקוקווערק | 1500 |
| פּאָעזיע | 1800 | חורבן־ליטעראַטור | 700 | פֿילאָסאָפֿיע | 450 |
| טעאַטער | 500 | געשיכטע פֿון ייִדישע ייִשובֿים | 1000 | רעליגיע | 550 |
| אַנטאָלאָגיעס | 200 | | | סאָציאַלע וויסנשאַפֿט | 1500 |
| קינדער־ליטעראַטור | 400 | **צייַטשריפֿטן** | 3500 | וויסנשאַפֿט | 300 |
| איבערזעצונגען | | | | טעאַטער, פּלאַסטישע קונסט | 500 |
| פֿון דער וועלט־ליטעראַטור | 1400 | | | ליטעראַטור־געשיכטע און ־קריטיק | 1100 |

1. ספֿר מעשׂי ה׳ ומעשׂי נסים, אַמסטערדאַם, 1723.

2. זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿונעם רעפּערטואַר פֿון דער זינגערין זמרה זעליגפֿעלד, געזאַמלטע דורכן פֿאָלקלאָריסט מנחם קיפּניס און אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַרום 1920.




# Aujourd'hui…

1 I 2 I 3 I 4 I

*La Bibliothèque Medem et l'Association pour l'Etude et la Diffusion de la Culture Yiddish (AEDCY) ont créé en octobre 2002 la Maison de la culture yiddish, dont les principales missions sont :*

- *la conservation du patrimoine yiddish et des collections exceptionnelles de la Bibliothèque Medem,*
- *l'enseignement du yiddish, par des cours et des ateliers de pratique culturelle,*
- *la diffusion des savoirs, grâce à l'édition d'ouvrages didactiques et de recueils de textes en yiddish,*
- *la promotion d'une culture vivante, par la programmation de récitals de chanteurs yiddish, de projections, de pièces de théâtre en yiddish, de lectures de textes et de conférences.*

*Dans le domaine de la conservation, la Bibliothèque Medem travaille au catalogage informatique de ses collections. Ce catalogage est effectué en concertation avec la bibliothèque de l'Alliance israélite universelle.*

*La numérisation des documents sonores (78 tours, 33 tours, cassettes de musique yiddish) est en phase de démarrage.*

*À l'automne 2003, l'AEDCY et la Bibliothèque Medem ont fusionné pour ne former plus qu'une association : la Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem, afin de constituer le centre de conservation et de diffusion le plus important d'Europe.*

1. Le numéro 4 de la revue *Milgroym* (La Grenade), Berlin, 1923.

2. Le roman *Bodnloze mentshn* (Déracinés), de Wolf Wieviorka, Paris, 1937. Illustration de S. Blum.

Deux publications des éditions de la Bibliothèque Medem :

3. Der Yidisher tamtam, bimestriel à destination des étudiants de yiddish.

4. Le dictionnaire yiddish-français de Yitskhok Niborski et Bernard Vaisbrot, 2002.











## הײַנט...

1 | 2 | 3 | 4 |

די מעדעם־ביבליאָטעק און די געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד (געפֿי"ל) האָבן אין אָקטאָבער 2002 דערעפֿנט דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, וואָס שטעלט זיך די ווײַטערדיקע הויפּט־שליחותן :

- אויפֿהיטן דעם ייִדיש־פֿאַרמעגן וואָס עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די זעלטענע זאַמלונגען פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק ;
- אײַנאָרדענען שפּראַכקורסן און קולטור־וואַרשטאַטן פֿאַר מענטשן וואָס ווילן זיך אויסלערנען ייִדיש ;
- פֿאַרשפּרייטן ייִדיש וויסן דורך אַרויסגעבן לערנביכער און אַנדערע אויסגאַבעס אויף ייִדיש ;
- אַנטוויקלען אַן אַקטיוו קולטור־לעבן דורך אײַנאָרדענען אַרויסטריטן פֿון ייִדיש־זינגערס, פֿילם־פּראָיעקציעס, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען אויף ייִדיש, פֿאָרלייענונגען פֿון ליטעראַרישע שאַפֿונגען און רעפֿעראַטן.

אויפֿן געביט פֿון אויפֿהיטן דאָס פֿאַרמעגן פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, איז איצט אין גאַנג דאָס קאַטאַלאָגירן אירע קאָלעקציעס אויפֿן קאָמפּיוטער. דאָס ווערט געטאָן אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער ביבליאָטעק פֿון אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל.

מע הייבט איצט אָן נומערייזירן די קלאַנג־דאָקומענטן (אַלטע דיסקן און קאַסעטן מיט ייִדישער מוזיק).

אין האַרבסט 2003 האָבן די געפֿי"ל און די מעדעם־ביבליאָטעק זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין אײנציקער געזעלשאַפֿט – מעדעם־ביבליאָטעק פּאַריזער ייִדיש־צענטער – וועלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם וויכטיקסטן צענטער אין אייראָפּע פֿאַרן אויפֿהיט און פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער ייִדיש־קולטור, 2002.

1. נומער 4 פֿונעם זשורנאַל „מילגרוים", בערלין, 1923.

2. „באַדנלאָזע מענטשן", דערציילונגען פֿון וואָלף וואוויאָרקע, פּאַריז, 1937. אילוסטראַציע פֿון ס. בלום.

צוויי אויסגאַבעס פֿונעם פֿאַרלאַג מעדעם־ביבליאָטעק :

3. „דער ייִדישער טעם־טעם", אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס.

4. ייִדיש־פֿראַנצייזיש ווערטערבוך פֿון יצחק ניבאָרסקי און בערל ווײַסבראָט, 2002.





# Contacts

1 I 2 I

***Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem***
***18, passage Saint-Pierre Amelot - 75011 Paris***
***Tél. : 01 47 00 14 00***
***Fax : 01 47 00 14 47***
***Courriel : medem@yiddishweb.com***
***Site internet : www.yiddishweb.com***

*La Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem reçoit le soutien financier, pour son activité régulière ou pour des projets spécifiques, des institutions suivantes :*

***Institutions françaises***
*Ministère de la culture et de la communication (DRAC-Ile de France, Direction du livre et de la lecture, Délégation générale à la langue française et aux langues de France)*
*Mairie de Paris*
*Conseil régional d'Ile de France*
*Centre national du livre*
*Fondation pour la mémoire de la Shoah*
***Institutions juives en France***
*Fondation du judaïsme français*
*Fonds social juif unifié*
*Institut Alain de Rothschild*

1. Le poème *Di kupe* (Le Tas) de Perets Markish, Varsovie, 1921.

2. Le premier numéro de la revue *Khaliastre* (La Bande), Varsovie, 1922.






1 I 2 I

**Institutions européennes**
*Commission européenne*
*Conseil de l'Europe*
**Fondations à l'étranger**
*Memorial Foundation for Jewish Culture, New York*
*Claims Conference, New York*
*Lucius N. Littauer Foundation, New York*
*Forward Foundation, New York*
*Ford Foundation, New York*
*Celemenski Foundation, Melbourne*
*L'association American Friends of the Medem Library, présidée par Elie Wiesel, relaie l'action de l'institution aux Etats-Unis.*

*115 East, 89th St., 9A*
*New York, NY 10 128-1527*

*La Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem est en contact avec de nombreux centres documentaires dans le monde : le YIVO Institute for Jewish research (New York), l'Institut historique juif de Varsovie ; de grandes bibliothèques universitaires (Harvard, Yale, Stanford, UCLA, Austin, Jérusalem, Trier, Dusseldorf) ; des centres de culture yiddish : Beit Shalom Aleykhem (Tel-Aviv), Yiddish Book Center (Etats-Unis), Vilnius Yiddish Institute (Lituanie), International Forum for Yiddish Culture (Londres), Institut Martin Buber (Bruxelles).*

1. פּאָעמע „די קופּע" פֿון פּרץ מאַרקיש, וואַרשע, 1921.

2. ערשטער נומער פֿונעם זשורנאַל „כאַליאַסטרע", וואַרשע, 1922.



Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot - 75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
Courriel : medem@yiddishweb.com
Site internet : www.yiddishweb.com

La Maison de la culture yiddish-Bibliothèque Medem
est ouverte au public
lundi, mardi et jeudi de 12 h 00 à 17 h 00
mercredi de 14 h 00 à 19 h 00
samedi de 14h 00 à 17 h 00

La Médiathèque est ouverte
lundi, mardi et jeudi de 14 h 00 à 18 h 30
samedi et samedi de 14h 00 à 17 h 00

conception & exécution graphique mpp | impression IMB